LIBRERIA "EL PROGRESO"
G. KAPLANSKY
BERMEJO ... B.A.

ס. רײַנהײַמער.

# דער הארבסט־ווינט

## אויף דער רײזע

איבערזעצט פון דײַטש

פון מנוחה ראבינאוויטש.

פארלאג

„קולטור־ליגע“

ביאליסטאק.

1920

ASOCIACION ISRAELITA NACIONALISTA BUENOS AIRES

DONACIÓN
N VALOR COMERCIAL



ASOCIACION RACIONALISTA ISRAELITA BUENOS AIRES

# דער הארבסטווינט אויף דער רייזע.

אין דרויסן איז געווען א שיינער הארבסט־וועטער. דער הימל איז געווען בלוי, די זון האט געשיינט, אין די גערטנער האבן געבליט רויטע ליליען און ווייסע אסטרעס.

אין אזא וועטער איז גוט א גאנצן טאג ארום־שפאצירן.

—ווייסט איר, קינדער, וועמען דאס איז איינ־געפאלן? — דעם ווינט, דעם הארבסטווינט.

—הו־הו! האט ער געמאכט: איז דאס היינט א וועטער, נאר ארומצוּוואנדרעווען, איך וועל זיך א לאז טאן אין וועג אריין! וועט דאס זיין א פרייליכער שפאציר! הו־הו!

מאכט ניט דער ווינט קיין גרויסע הכנות, און לאזט זיך אין וועג אריין.

— הו־הו!—האט זיך דערהערט זיין הוּשען איבער דער גאס.—הו־הו! איך לאז זיך אויף דער רייזע! ווער פארט מיט מיר? —האט דער ווינט הייך אויסגערופן.

האָט מען זיך א לאָז געטאָן מיט א מאָל פֿון ארבע פנות עולם: פֿאַרטריקנטע בלעטער, שפּע־נער, ליידיגע פּאפּירענע זעקלאַך; אפילו א פּאָר היט זיינען אראָפּגעפלויגן פֿון די קעפּ פֿון די דורכגייער און האָבן אויך געוואלט צושטיין צו דער פריילאכער חברה.

דער ווינט איז געווען העכסט צופֿרידן.

—אָט דאָס איז גוט,—האָט ער געזאָגט:—א מחיה, ווי עס פּאָרט זיך!—און ער האָט א יאג געטאן די היט איבער דער גאנצער גאס.

אויף דרויסן איז געוואָרן פֿריילאך. אלעמען האָט אָנגענומען א חשק זיך יאגן צוזאמען מיטן ווינט.

דאָ האָט זיך די גארדינן ארויסגעכאפּט פֿון פֿענסטער ארויס, דאָרט האט דער לאדן אָנגע־הויבן צו טאנצן אויף זיינע האטשיקעס. אבער ביידע, סיי דער גארדין און סיי דער לאָדן, האבן, נעבאך, ניט געקענט מיטפֿאָרן.

זעט נאָר: דעם בלומענטאָפּ פֿון פֿענסטער האט זיך אויך פֿארוואָלט אין וועג אריין. ער האט אָנגעהויבן זיך שאָקלען אהין און צוריק, מיט א

מאל—טראך!—און ער ליגט שוין אויף דער נאס א שאר!

די מענשן האָבן, געשריען, געזידלט דעם ווינט, עטלאכע האבן זיך געיאגט נאָך זייערע היט. אנדערע האָבן אויף גיך צוגעמאכט די פענסטערס.

ס'איז געווען ליהודים!

דער ווינט האט זיך אבער ארומגעזען, אז אזא נסיעה מיט א צו גרויסן עולם איז פאר־בונדן מיט א סך מניעות: איינער קען בכלל ניט מיטפארן, א צווייטער בלייבט אין מיטן וועג האט ער א קלער געטאן:

—כ'וועל בעסער זיך א לאָז טאָן ווייטער אליין. אָבער וואָס איז פאר מיר די איינגע גאס?—איך דארף ברייטקייט, פרייהייט!

* *
*

הינטער דער שטאָט האָט זיך געצויגן א אָפּ-געשניטענער פעלד. אויפן פעלד איז ארומגע־לאָפן א חברה אינגלאך, וואָס האָט געוואָלט ארויפלאָזן אויף דער לופטן פאפירענע שלאנגען, די שלאנגען זיינען געווען שיינע: גרויסע, מיט לאנגע פארשיידנפארביגע ווידלען. איין זאך נאר

איז געװען ניט גוט: זײ האָבן ניט געװאָלט פליִען.

דער װינט האָט גלײך זיך א לאָז געטאָן צו זײ:

— זאגט נאָר, מײנע טײַערע. האט ער זיך געװענדט צו די שלאנגען:— װאָס האט איר אזא מוראדיגן אויסזען? ס'איז דאָך פשוט א שרעק אַ קוק צו טאן אויף אײַך. װי איך זע, איז מיט אײַער פליִען עפּעס ניט אינגאנצן יום-טובדיג. װאַרט נאר א װײַלע,— כ'װעל אײַך אביסל צוהעלפֿן.

און דער װינט האט אונטערגעכאפּט די שלאנגען און זײ אַ לאָז געטאָן אין דער הויך.

—אַזױ-װי, אָבער רוהיג, ציטערט ניט, האַלט די װײַדלען נאָר גלײַך! אָט אַזױ-װי, איר זעט מײַנע ליבע? איר פליִט דאָך אויסגעצײַכנט. איצט פֿאַרזיכטיג! דאָ איז אַ בוים, האָט אין זינען אײַערע עקן!

די פארשײדנפאַרביגע פאַפירענע שלאַנגען האָבן שוין געשװעבט אין דער לופטן.

די אינגלאַך האָבן אַזש געטאַנצט פֿאַר שמחה דער װינט האָט אָבער ניט געהאַט קײן צײַט דאָ צו בלײַבן.

—איצט, מײַנע טײַערע, װײַסט איר שוין אלײן

גאנץ גוט, ווי מ'דארף פליען — האָט ער גע־
זאָגט צו די שלאַנגען און איז אַוועקגעפלויגן ווײַטער.

ער איז געקומען צו אַ וואַלד. די בלעטער אויף
די בוימער זײַנען געווען אויסגעצירט אין רויטן,
ברוינעם און געלן. דאס האָט זיי דער הארבסט
קומענדיג אין יענעם וואַלד, אָט די שײנע קאָלירן
געבראַכט.

ווי נאָר די בלעטער האָבן דערשפירט דעם
ווינט, האָבן זיי אָנגעהויבן זיך צו בעטן ביי אים:

—ווינטעלע, ליבער ווינטעלע, נעם אונז שוין
אראָפּ פון די בוימער. וואָס האָבן מיר פון אונ־
זער שײנקייט, אז מיר זיצן שטענדיג אין דער
הויך? אוי, מיר וואָלטן דאך שוין אַזוי וועלן
אַראָפּפלען אויף דער ערד, לויפן, טאַנצן און
שפרינגען.—

—גוט,—האט זיך צופרידן אָפּגערופן דער
ווינט. ער האָט זיך זייער דערפרייט, וואָס ער
האָט זיך באגעגנט אין וועג מיט אַזוינע קלײנע
ליבלאַכע טענצערקעס.

—פ... פ... פ...— האט ער אָנגעהויבן צו בלאָזן
פ... פ... פ...—האָט ער געמאַכט נאָך שטארקער,

און מיט אַ מאָל האָט אויף דער ערד זיך אַ שאט געטאן אַ גאַנצער רעגן פֿון בלעטער.

אויפֿן וועג האָט זיך גלייך אָנגעהויבן א טאַנצערײַ. די בלעטער האָבן אָנגעהויבן זיך צו דרייען ראָד איין, ראָד אויס, און דער ווינט, דער זעל־טענער טענצער, האָט זיי מיטגעהאָלפֿן, צוזינגענדיג דערבײַ זײַן וואונדערבארן לידל: — הו־הו! הו־הו!...

אָפּגעטאַנצט, האָט זיך דער ווינט אַ לאָז געטאָן ווײַטער.

אויף אַ בערגל האָט ער דערזען אַן אלטע חורבה. דער ווינט האָט זיך דערפֿרײַט:

— מיר זײַנען דאָך עפּעס אלטע באַקאַנטע!...

באמת זײַנען זיי געווען גוטע באקאנטע פֿון לאנג, זיי האָבן זיך נאך געקענט פֿון אַמאָל, ווען די אַלטע חורבה איז געווען א גרויסער טורעם איצט איז זי שוין געוואָרן אלט, אירע ציגל זײַנען איינגאַנצן צופֿאלן, פֿון פענסטער און טירן איז שוין קיין זכר ניט געבליבן, דער דאַך איז געווען אָפּגעריסן, און פֿון אַלע זײַטן האָבן ארויסגעקוקט גרויסע שוואַרצע לעכער.

אָבער גראַדע מיט דעם איז דער ווינט געווען זייער צופרידן, ווייל ער האָט געקענט פריי אַרײַן דורך אַלע זײַטן, אַרומשפּאַצירן, בלאָזן, פּײַפן, וויפל דאָס האַרץ גלוסט.

פריילאַך און שטיפעריש איז אַרומגעלאָפן דער ווינט איבער אַלע ווינקעלאַך פון דער חורבה. און די יאַשטשערקעס און שפינען, וואָס האָבן זיך דאַ צווישן די שטיינער געפונען, האָבן זיך צוגעהערט צו זײַן פּײַפן.

—זע נאַר!—איז דער ווינט פּלוצלונג געבליבן שטיין אַ פאַרוואונדערטער,—ווי קומסטו אהער?

דאָס האָט ער זיך אַזוי געווענדעט צו אַ קליי־נעם שיינעם סכך־בוימעלע, וואָס איז געוואַקסן אויבן אויף די חורבות פון טורעם און האָט אַרויסגעקוקט מיט זײַנע גרינע צווײַגן פון צווישן די גרויסע שטיינער.

—דו דערקענסט מיך ניט? — האָט געפרעגט דער סכך־בוימעלע,— דו האָסט דאָך מיך אַליין געבראַכט אהער, דאַמאָלסט, ווען איך בין נאָר אַ קליין קערנדל געווען. געדענקסט? איך בין דאַמאָלסט אין וואַלד געלעגן. דו האָסט מיך

אויפגעהויבן אין אוועקגעטראָגן אהער, צווישן אַט־די גרויע שטיינער. איצט בין איך שוין אויס־געוואקסן, א?

—גרויס און שוין ביסטו געוואָרן, ליבער סכך־בוימעלע כ'וואלט דיך גארנישט דערקענט,— האָט געענטפערט דער ווינט. ער האָט זיך זייער געפרייט מיט דער אומגעריכטער באגעגעניש.

—א שאָד נאר, וואס איך קען דיך ניט מיט־נעמען מיט זיך אויף דער רייזע. כ'וועל אבער אָפט קומען צו דיר צו גאסט, קליינער סכך־בוימעלע. איצט אייל איך, איך מוז פארן ווייטער.

—א גוטן טאָג!

———

ארום דער חורבה, אין בלישטשענדיגן הארב־סטיגן זונענשיין, האבן זיך אין דער קלאָרער לופט ארומגעטראָגן דינע לאנגע שפינפעדים.

—ווען איך וואָלט געהאט מזל'נט אזעלכע פע־דים, וואלט איך גלייך געהייסן מאכן פון זיי א דינעם שלייער און וואלט אים אוועקגעטראָגן צום קליינעם גרינעם סכך־בוימעלע,—האָט דער ווינט א טראכט געטאן.

—נאָר דער ווינט האט פּיַנט צו טראכטן לאנג וועגן איין און דעמזעלבער זאך, ער האָט זיך פאַרגעסן וועגן סכך-בוימעלע און איז געפלוינן וויַטער, בּאַרג אראפּ, צום טאָל.

דארטן האט ער אַיָף א ברוינעם קארטאָפּל-פעלד דערזען א פריַילאכן פּױערל.

—הו-הו! האָט מיט צופרידנקייט געפּיַפּט דער ווינט,—דאָרט בראָט מען קארטאָפּל. אי, ווי גוט עס שמעקט, מ׳דארף אהינצו א שפּאציר טאן!

—און ער האט אזא בלאָז געטאָן אויפן פּיַער, אַז די מענשן, וואָס זיַנען דאָרטן געשטאנען, האָבן געמוזט אָפּשפּרינגען אָן אַ זייט. ביַ איינעם האָט דער פּיַער שיר-שיר ניט אָנגעכאַפּט דעם בגד.

—אוי, ס׳ארא שלעכטער ווינט! — האָט דער מענש אַ געשריַ געטאָן.

דעם ווינט איז נאָך פריַילאַכער געוואָרן. ער האָט אַ בלאָז געטאן דעם רויך די מענשן גליַיך אין פּנים און אין מויל אַריַין. זיי האָבן אָנגעהויבן צו הוסטן און אום זידלען. האט ער גליַיך געמאכט פליטה, מיטנעמענדיג מיט זיך אביסעלע שמעקעדיגע לופט פון די קאַרטאָפּל.

—דאס ווע̃ל איך אַוועקטראָגן אין דאָרף, האָט געטראַכט דער ווינט, — זאָל כאָטש ביַי יענע מענשן, וואָס געפינען זיך דאָרטן, לויפן אַביסל די סמיַיע פון מויל!

אָ, דער ווינט איז געווען נישקשה פון אַ קונדס.

———

פריש און פריילאך איז דער ווינט פיַיפנדיג אין דארף אַראָפּגעקומען. אליץ האָט דארט מיט אַמאָל אָפּגעלעבט און זיך אָנגעשטעקט מיט זיַין פריילאכקיַיט.

—ברוך הבא! האָט אויסגעשריען די נאָזטיכל וואס האָט זיך געבריקנט אויפן פאַרקאַן, און דערביַי האט זי מיט אַלע כחות געווינקט און געפּאָכעט אנטקעגן דעם ווינט.

—ברוך הבא! האָט אויסגערופן די פאָן אויפן דאַך און האָט אָנגעהויבן צו פלאַטערן.

—ברוך הבא! דער ווינט איז דאָ!

און די בלומען און די בוימער האבן זיך גע־נויגט און געגריסט, און די ווינטהאַרפע דאָרטן אויבן אויפן דאַך פון גאָרטן־שטיבל האָט זיך

אויך פאַרנויגט פֿאַרן ווינט און האָט אָנגעהויבן צו זינגען.

אויבן אויפֿן טורעם האָט זיך אויך אימיצער גענויגט און געבוקט. דאס איז געווען דער ווינט-ווײַזער. ער, דער ווינט-ווײַזער, האט זייער שטארק געהאַלטן פֿון זיך, ווײַל ער פֿלעגט אָנזאָגן די מענשן, פֿון וואַנען עס קומט דער ווינט: צי פֿון מערב, צי פֿון מזרח, פֿון צפֿון צי פֿון דרום. איצט האָט ער אָנגעהויבן צו מורמלען:

—דער ווינט טויג ניט, ער ברענגט מיט זיך טריקעניש, שטויב און פֿארקילאכטס!

אַ מאָדנער ווינט-ווײַזער! קיינמאָל איז ער ניט געווען צופֿרידן: איז דער ווינט געקומען פֿון צפֿון, פֿלעגט ער בורטשען אויף דער קעלט; איז ער געקומען פֿון דרום, פֿלעגט אים זײַן צו וואַרים.

דער ווינט וואָלט אפשר פֿארבליבן אויפֿן דאך זיך דורכצושמועסן מיטן ווינט-ווייזער. נאר פלוצלונג האָט מען אויפֿן טורעם אָנגעהויבן צו קלינגען. — עס איז געווען פֿארנאכט-צײַט. האָט דער ווינט זיך אויף גיך צוזעגנט מיטן ווינט-ווײַזער און איז אַוועקגעלאָפֿן ווײַטער.

די גלאָקן-קלאַנגען האָט ער אָבער מיטגענומען מיט זיך, ווייל זיי זיינען אים זייער געפֿעלן געוואָרן. אביסל קלאַנגען זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען אין וועג, אַ טייל אָבער האָט ער דאָך באַהאַלטן.

—איך וועל דאָס אוועקטראָגן דעם אַלטן פאַסטוך, וואָס פאַשעט אויפֿן פֿעלד זיינע שעפּסעלאַך,—האָט ער געקלערט.

אין ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן איבערן רויט-ברוינעם פֿעלד צום פאַסטוך.

דער פאַסטוך האָט זיך צוגעהערט צום קלאַנג און געזאָגט:

—נו, שעפּסעלאַך מיינע, שוין צייט אהיים צו גיין.

—די שעפּסעלאַך זיינען געווען צוואָרפֿן איבערן ברייטן פֿעלד. זיי האָבן געשפּרונגען, געצופּט גראָז, געמעקעט: מע-מע-מע... און געווען זייער צופֿרידן מיט זייער לעבן.

—ס'אַרא ליבע נפשות, — האָט געזאָגט דער ווינט און אַ בלאָז געטאָן איבער זייער ווייכער וואָרענער פֿעל.

—זיי זיינען כמעט אזוי שיין, ווי מיינע קליינע

ווײַסע וואלקן־שעפּסעלאַך אויפן הימל...

דאָ האָט זיך דער ווינט דערמאָנט, אז אים, שטײט נאך הײַנט פאַר א לאַנגע נסיעה, האָט ער זיך ליבלאַך צוזעגנט מיט די שעפּסעלאַך און זיך געלאָזט ווײַטער.

———

דער וועג איז איצט געגאַנגען איבער אַ ווײַטע פלאַכע סטעפּ. ארום און ארום איז ניט געווען צו זען ניט קײן בוים. ניט קײן הויז, ניט קײן מענש.

פלוצלונג האט דער ווינט באמערקט ווי א־מיצער שטײט אויפן בערגל מיט א־יסגע־שטרעקטע הענט.

— אהא, דאס איז דאך מײַן אלטע באקאַנטע די ווינטמיל! — האָט זיך דערפרײט דער ווינט און זיך אַ לאז געטאָן צום בערגל.

— וואס מומעשי, אפשר גײען מיר אַ טענצל?

בײַ די דאָזיגע ווערטער האט ער אנגעכאפּט די פליגלען פון דער ווינטמיל און זײ אנגעהויבן צו דרײען ארום און ארום אזוי שטארק, אז בײַ דער אַלטער מיל האט אזש פארכאפּט דער אָטעם, און זי האָט אָנגעהייבן צו קרעכצן און סקריפּען.

—נו, אויף הײַנט וועט שוין זײַן גענוג פֿאר איר, האָט אַ קלער געטאָ: דער ווינט און איז אַוועקגעפֿלויגן ווײַטער.

די אַלטע מיל האָט נאָך אַלײן געקרעכצט; דער מילנער אָבער איז געווען זייער צופֿרידן: בשעת דער ווינט האָט געדרייט די פֿליגלען פֿון דער מיל, האָבן די מילשטיינער דערווײַל צומאָלן די קאָרן.

* *
*

דאָס לאַנד, איבער וועלכער דער ווינט האָט איצט אַרומגעשפּאַצירט, איז נאָך אַלײן געווען פֿלאַך, אײַנזאַם און ליידיג. ס׳האָט זיך געזען נאָר זאַמד און גראָז, גראָז און זאַמד. ערטערווײַז נאָר האָט זיך געזילבערט אַ קלײן אָדער גרויס טײַכל. די טײַכלאַך זײַנען אָבער געלעגן אַזוי שטיל, ווי זיי וואָלטן געשלאָפֿן.

—וואָס עפּעס שלאָפֿן זיי אין מיטן העלן טאָג? האָט געקלערט דער ווינט.

—מסתמא, איז זיי דאָ זייער אומעטיג.

און ער האָט אַ בלאָז געטאָן גלײַך אויף די וואַסערלאַך. די וואַסערלאַך האָבן זיך אָנגעהויבן

צו באוועגן, זיך קאַרבן און האָבן זיך באַדעקט מיט קליינע כוואַליעס.

איז נאָך עפּעס וויַיט צום ים? — האָט זיי געפרעגט דער ווינט.

—אָ, ניין, גאָרניט וויַיט, האָבן זיי געענטפערט צי הערסטו דען ניט זיין רוישן?—

און באמת, פון דערוויַיטן האָט זיך געלאזט הערן עפּעס א משונה'דיגער ברויזן.

דאָס איז געווען דער ים און ווי נאָר דער ווינט האָט אים דערהערט, — אָי, האָט ער דאָס א פליי געטאָן ער האָט געוואָלט נאך היינט זיין ביי אים

—הו-הו! —האָט ער געפּיַיפּט און געפלויגן.

און אָט איז ער שוין געקומען צו אים, צום גרויסן—גרויסן בלויען וויַיטן ים.

דאָ אויפן ים זיינען די כוואַליעס געווען נאר נאָך אַנדערע, ווי יענע קליינע כוואַלכעלאַך אויף די קליינע טיַיכלאַך. ס'אַראַ שיינע שוים-קרוינען זיי האבן געהאַט און ווי שיין זיי האָבן זיך געשפּילט און געקויקלט איינע איבער דער אַנדערער.

און אַז דער ווינט איז צוגעקומען און האט

אָנגעהויבן צו פייפן און זיך שפּילן מיט זיי,— האָט זיך אויפגעהויבן אויפן ים אַזאַ טאַנצעריי, אַזאַ שפּרינגעריי, אַז די מענשן, וואָס זיינען געפאָרן אויף די שיפן, האָבן זיך איבערגעשראָקן.

די זעגלשיפלאַך האָבן זיך מיטן ווינט זייער דערפרייט.

—ענדלאַך ביסטו געקומען צו אונז!— האָבן זיי צו אים געזאָגט.

—דעם גאַנצן נאָכמיטאָג שטייען מיר און קענען זיך פון אָרט ניט רירן. זיי אזוי גוט, ווינט העלף אונז צו אַביסעלע.

—מיטן גרעסטן כבוד, מיינע ליבע פריינד,— האָט זיך אָפּגערופן דער ווינט.

ער האָט א בלאָז געטאָן אויף די זעגלען, און זיי האָבן זיך גלייך אָנגעבלאָזן און קיילעכדיג געוואָרן.

—גענוג שוין, גענוג שוין, בלאָז ניט אַזוי שטאַרק, מיר קענען דאָך נאָך פּלאַצן!— האָבן זיי אָנגעהויבן זיך צו בעטן.

—ס'איז נאַרניט, מיינע פריינד, שרעקט זיך ניט,— האָט ער זיי געענטפערט און האָט נאָך

שטארקער געזומען בלאָזן.

די זעגלען האבן מאקן ניט געפּלאַצט, און די שיפלאך האבן פּליִנה און לייכט ארומגעשוואימען אויפן וואסער.

ס'איז באמת געווען זייער א שיין בילד.

—דו דארפסט זיך ניט בעסענען איוף אונז, וואס מיר האבן זיך געשראקן, האט געזאגט צום וינט איין זעגלשיפל, א גרויסער שיף, וועלכער האט זיך היינט אומגעקערט פון אמעריקע, האט אונז דערציילט וועגן דיר זייער שרעקלאכע זאכן.

וועגן מיר?—האט זיך שטארק פארוואונדערט דער ווינט.

—יע, וועגן דיר, ער האט געזאגט, אז דו האסט דערטרונקען אין ים א שיף. פריהער האסטו צובראכן אלע מאסטבוימער, דערנאך דאסטו דעם שיף מיט אלע מענשן, וואס זיינען אויף אם געווען, ארומגעשליידערט אויף א פעלז.

—ווי שרעקלאך דאס איז! האט געזאגט דער ווינט. אבער ניט איך האב דאס געטאן, נאר מיין עלטערער ברודער, דער שטורעם. ער האט דאס געטאן.

———

איינגטלאך איז שוין דעם ווינטס רייזע גע־
ווען איצט געענדיגט.

ער האט געוואלט קומען צום ים און האט זיין
ציל דערגרייכט.

דא אויפן ים האט ער פארבראכט דעם גאנצן
פארנאכט.

אט איז שוין געקומען דער אוונט. די זון
איז שוין פון לאנג אונטערגעגאנגען. די פייגל־
שיפלאך זיינען שוין אוועקגעשוואומען, די ווייסע
וואסער־פייגעלאך, וואס האבן זיך ארומגעטראגן
דעם גאנצן טאג איבערן ים זיינען שוין אויך
אוועקגעפלויגן. זיי זיינען שוין איצט אין זייערע
נעסטער, וואס געפינען זיך אויף די פעלזן.

און דער ווינט? וואו־זשע קען ער זיך לייגן
שלאפן? ער איז דאך געווען אזוי פארמאטערט
פון דער לאנגער־לאנגער רייזע! ער האט געוואלט
זיך אויסזוכן א באקוועמען ווארימען ווינקעלע.

ס׳איז שוין געווען זייער פינסטער. ווייט אויפן
ברעג האט ער דערזען א בלאסן פייערל.

דאס האט געברענט א פייערל אין פישערס
היזל, וואס איז געשטאנען אויפן ברעג פון ים.

די פייערלאך האבן פריינדלאך ארויסגעקוקט פון די פענסטערס אין דער פינסטערניש אריין.

—ווי גוט ס'וואלט געווען, ווען איך וואלט גע־קענט זיך איצט אהין אריינקלייבן,—האט גע־טראכט דער ווינט,—אבער ווי מאכט מען דאס?

האט ער זיך דורך דער פינסטערניש אהין אוועקגעלאזן און געקומען צום פישער־הייזל.

ער האט פרובירט אריינגיין דורך די פענסטער, אבער זיי זיינען געווען צו פעסט פארמאכט. האט ער זיך א גראבל געטאן ביי דער טיר אויך אומזיסט.

דער ווינט איז אבער א כיטרער. האט ער זיך ארויפגעכאפט אויפן דאך, זיך א גנבע גע־טאן דורכן קוימען און אריין אין אויוון.

ווי נאר דער ווינט איז אהין אריינגעקומען האט דער פייער אין אויוון גלייך אויפגעפלאמט און פארשפרייט איבערן שטוב זיין רויט־גאל־דענעם שיין.

אינעווייניג אין שטוב איז געווען ווארים אין מיטן צימער איז געשטאנען א וויג, אין וועלכער ס'איז געלעגן א קינד מיט רויטע בעקעלאך. דאס

קינד האט געשריען און ניט געוואלט איינשלאפן.
איז די מאמע צוגעגאנגען צו דער וויגעלע זיך
אוועקגעזעצט לעם איר און אנגעהויבן צו וויגן
דאס קינד און זינגען א לידעלע.

שלאף שוין, שלאף, מיין טייער קינד
הער, עס וויעט דער אונטערווינט,
ווינט די בוימער אן א שעור,
און פון ווינטלס צארטן ריר
פאלן טרוימען גאלד־געשפינס;
שימערט עס מיט ליכט און גרינס...
כ׳ברייננ א טרוים דיר באלד אריין,
שלאף נאר איין, מיין קינד, שלאף איין!

—הו—ו! האט צופר׳דן א הויך געטאן דער
ווינט

—אט דא וואלט איך געהאט א גוטן נאכט־
לעגער,—האט ער געטראכט:—קיין בעסערן קען
איך זיך גארניט ווינשן.

אינדרעם האט זיך געעפנט די טיר, און ס׳איז
אריין אין שטוב דעם קינדס טאטע, דער פישער.
ער איז צוגעגאנגען צו דער וויגעלע, זיך איבער־
געבויגן איבער זיין קינד און אים א קוש געטאן

אין די רויטע בעקעלאך.

ס'איז געוואָרן שפּעט. דער פישער און זיין ווייב האבן זיך געלייגט שלאפן. דאס קינד איז שוין אויך פון לאנג איינגעשלאפן, און אין שטוב איז געוואָרן שטיל.

דער ווינט האט זיך באהאלטן אין ווינקל פון אויוועלע און געבליבן דארטן ליגן שטיל, ווי א קעצעלע.

איינשלאפן האט ער אבער ניט געקענט. ער האט אלץ געטראכט וועגן דעם יידעלע מיט די גאלדענע טרוימען.

—צי איז אמת די מעשה?

דער געראנק וועגן דעם האט אים ניט גע־לאזט רוהען. ניין, ער מוז מיט די אייגענע אייגן זען די גאלדענע טרוימען.

שטיל האט ער זיך דורכגעגנבעט דורכן קוימען גלייך אין גארטן אריין.

—אט אויף דעם בוימעלע וועל איך אויספרובן צי ס'איז אמת, וואס די מאמע האט געזונגען.

ער האט שטיל א טרייסל געטאן דעם בוימעלע א פּאָר געלע בלעטער זיינען אראפּגעפאלן אויף

דער ערד. האט ער נאך א מאל א שאקל געטאן שוין פעסט, דער נאך א דריטן מאל, גאר שטארק. פון בוים האבן זיך א שאט געטאן א סך, א סך בלעטער, יע, ניט מער ווי בלעטער אבער וואו זיינען די גאלדענע חלומות? וואו זשע האבן זיי זיך באהאלטן?

דער ווינט האט גוט באטראכט דעם ביימעלע וואס־זשע האט ער דערזען?—צו די צווייגן פון בוימעלע, דארט, וואו עס זיינען פריהער די בלע-טער געהאנגען, האבן זיך צוגעטוליעט א סך גאר קליינינקע קנאספעלאך.

אפשר ליגן די טרוימען, די גאלדענע פרילינג־טרוימען, אין אט-די קנאספעלאך באהאלטן?— ס'ווייזט אויס אז יע, אזוי מוז דאס טאקי זיין.

דער ווינט האט אזוי געטראכט. אבער ווארטן, ביז די קנאספען וועלן זיך עפענען, האט ער ניט געקענט. האט ער זיך שטיל צוריק אריינגענבעט, דורכן קומען אין ווארימען אייזן אריין.

אין א ווילע ארום איז ער שוין געשלאפן.

169